**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול מעלדט די עפענונג פון 23.6 מיליאן דאלער עפארדעבל און סופארטיוו האוזינג דעוועלאפמענט אין עיסט באפעלא**

***בוי-ארבעט פון היסטארישע שולע שאפט 42 אפארדעבל ענערגיע-שפארנדע דירות, ארייננגערעכנט 12 יוניטס פון סופארטיוו האוזינג, ווי אויך א קאמיוניטי סערוויס צענטער צו סערווירן באפעלא'ס בראדוועי-פילמאר געגנט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די עפענונג פון דירות ביי די לייסיום, א 23.6 מיליאן דאלער פראיעקט וואס פארוואנדלט א היסטארישע געוועזענע שולע, די סט. דשאון קענטי לייסיום, אין עיסט באפעלא אין 42 ענערגיע-שפארנדע אפארדעבל דירות און א קאמיוניטי סערוויס צענטער. די פראיעקט ברענגט שטארק געדארפטע האוזינג צו די בראדוועי-פילמאר געגנט פון עיסט באפעלא, ארייננגערעכנט 12 יוניטס פון סופארטיוו האוזינג אוועקגעלייגט פאר געוועזענע היימלאזע איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדאטן.

"די פארוואנדלונג פון די היסטארישע געוועזענע שולע צו אפארדעבל, ענערגיע-שפארנדע היימען איז טייל פון אן אנגייענדע באשלוס צו בויען א מער אפארדעבל צוקומפט פאר עיסט באפעלא," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דירות ביי די לייסיום געבן נידריגע-איינקומפט אינדיווידואלן און פאמיליעס שטארק-געדארפטע אפארדעבל האוזינג און זיי פארבינדן איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדאטן און אנדערע אין די בראדוועי-פילמאר געגנט צו די הילפסמיטלען וואס זיי דארפן מצליח צו זיין."

איבערגעמאכט דורך קאמיוניטי סערוויסעס פאר אלע (Community Services for Every1, CSE1), מיט Edgemere Development, נעמט די פראיעקט אריין דאס איבערבויען פון די היסטארישע סט. דשאון קענטי לייסיום געביידע ביי 97 סווינבורן סטריט, ווי אויך צען שטחים קעגנאיבער. די שולע'ס קלאסצימערן און אפיסעס זענען איבערגעבויט געווארן צו 42 אפארדעבל דירות, מיט 12 יוניטס ספעציעל אוועקגעלייגט פאר איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדאטן, 5 פולקום צוטריטפולע ADA דירות און 2 דירות פאר די מיט הערן\זען באגרעניצונגען.

די געוועזענע שולע'ס קאך, קאפיטעריע, און אקטיוויטעט צימער זענען איבערגעבויט געווארן צו זיין א צוטריטפולע קאמיוניטי פלאץ צו געבן פולע פארוויילונגס פראגראמען, קאכן ארטס, געזונטע עסן עדיוקעישאן, וואוינען מיט זעלבסטשטענדיגקייט, און איידער'ן-ארבעטן ארבעט גרייטקייט טרענירונג סערוויסעס פאר די וואס זענען איינגעשריבן אין סערוויסעס מיט CSE1. די פראיעקט'ס אויסשטעל ציינט פיל פון די אריגינעלע געביידע'ס אייגנארטיגע ארקיטעקטועל מוסטערן און אויסשטעלונגען, ארייננגערעכנט היסטארישע אודעטאריום'ס רינדעכיגע דאך.

די לייסיום איז די ערשטע ריינע ענערגיע אינציאטיוו פראיעקט צו פארענדיגן איר בוי-ארבעט. די ריינע ענערגיע אינציאטיוו (Clean Energy Initiative, CEI) פראגראם, א צוזאמענארבעט מיט ניו יארק

סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייונג ( New York State Homes and Community Renewal, HCR) און ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), גיבט דירעקטע איינשפריצונג געלטער און טעכנישע שטיצע פאר ריינע ענערגיע פראיעקטן אין אפארדעבל האוזינג. אלס טייל פון די פארלאנגען פון די CEI פראגראם, נוצט די געביידע מער נישט קיין פאסל פיולס אויפ'ן פלאץ.

אלס טייל פון די געביידע'ס מאדערנעזירונג און דיקארבאריזאציע באמיאונגען, איז עס אויך אויסגעשטעלט נאכצוקומען די פארלאנגען פון NYSERDA'ס נייע בוי-ארבעט האוזינג פראגראם. ענערגיע-שפארנדע באשטאנדטיילן געשטיצט דורך NYSERDA רעכענען אריין ENERGY STAR(R) אדער צוגעגליכענע אפלייענסעס, מער אינסיולאציע, און מען האט אריינגעלייגט נייע לעקטערס, HVAC סיסטעמס, פענסטערס, און דעכער. די געביידע האט אויך נידריג-פליסנדע פלאמבינג פיקסטשערס און שטעלט צו אן EV טשארדשינג סטאנציע. די דירות ביי די לייסיום פראיעקט קומט אויך נאך 2020 ענטערפרייס גרין קאמיוניטיס ערווארטונגען.

אין די לעצטע פינף יאר, האט HCR געבויט אדער אנגעהאלטן איבער 11,000 אפארדעבל היימען אין עירי קאונטי. די דירות ביי די לייסיום פראיעקט גייען ווייטער מיט דעם ארבעט און איז טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלער ברייטע הויזונג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אפהיטן 100,000 שטובער פאר צוגענגליכע פרייזן איבער ניו יארק, אריינרעכענדיג 10,000 מיט געהילף סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, אין צוגאב צו די עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 שטובער.

געלטער פאר די פראיעקט רעכענען אריין 2.5 מיליאן דאלער פון די ( New York State Office of Temporary and Disability Assistance's, OTDA) (Homeless Housing and Assistance Program, HHAP), ווי אויך HCR'ס נידריגע איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיט פראגראם וואס וועט ארויסגעבן 8 מיליאן דאלער אין ווערד, און אזוי אויך, 3.6 מיליאן דאלער אין באנוסעס פון HCR'ס האוזינג טראסט געלטער און $250,000 פון HCR'ס קאמיוניטי אינוועסטמענט געלטער. די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג האט באקומען ערלויבעניש צו נוצן פעדעראלע און סטעיט היסטארישע צוריקבוי שטייער קרעדיטס ( Federal and State Historic Rehabilitation Tax Credits) וועלכע זענען ערווארטעט צו צושטעלן 7 מיליאן דאלער אין ווערד, און ריינע ענערגיע געלטער פון $525,000 איז צוגעשטעלט געווארן דורך א שותפות צווישן HCR און NYSERDA פאר'ן פארבעסערן דיקאמביניייזד ארבעט'ס מעגליכקייטן. באפעלאו סיטי האט צוגעשטעלט $750,000 פון די HOME (היים) קאסע.

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט גיבט $500,000 דורך די בעסערע באפעלא געלטער. צילנדיג צו שאפן א ווירבלדיגע, געמישטן-באנוץ, אנגעפולטע געגנט, לייגט די 40 מיליאן דאלער געלטער א דגש אויף שטיצן פראיעקטן וואס מוטיגן אנגעפולטע ערטער און וואוקס לענגאויס טראנספארטאציע דורכגענג און צו באארבעטן געגנט קאמעשעל דיסטריקטס.

ארבעטנדע געלטער ווערן צוגעשטעלט דורך עמפייער סטעיט בייהילפיגע הויזינג איניציאטיוו ( Empire State Supportive Housing Initiative) דורך OTDA. CSE1 גיבט שטיצע סערוויסעס, אזויווי קעיס מענעדזשמענט, פינאנציעלע קאונסלינג, ארבעטספארס דעוועלאפמענט, און ריפערלס פאר געזונטהייט, טשיילד קעיר, און פאבליק בענעפיט סערוויסעס.

**Office of Temporary and Disability Assistance קאמישענער בארבארע ס. גווין האט געזאגט,** "די עפענונג פון די דירות ביי די לייסיום שאפט שטארק-געדארפטע אפארדעבל האוזינג אין עיסט באפעלא און גיבט געוועזענע היימלאזע איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדאטן אין עירי קאונטי סטאבילע האוזינג מיט גרינגע צוטריט צו שטיצע סערוויסעס וואס זיי דארפן צו קענען בליען אין

זייער קאמיוניטי. מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר'ן שטיצן פראיעקטן אזוויי דירות ביי די לייסיום וואס ברייטערן אויס די סופליי פון אייביגע סופארטיוו האוזינג אפציעס לענגאויס ניו יארק סטעיט, פארשטערקערן אונזער קאמיוניטי, און העלפן ברעכן די רעדל פון היימלאזיגקייט פאר עמפינדליכע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייונג קאמישענער רוטאנן האט געזאגט,** "די לייסיום איז א גוטעביישפיל וויאזוי ניו יארק'ס אריבערגאנג צו א מער אנהאלטבארע, ענערגיע-שפארנדע האוזינג מארקעט איז גינסטיג פאר סיטיס אזוויי באפעלא. די 23 מיליאן דאלער דעוועלאפמענט האט געבענעפיט פון אונזער ריינע ענערגיע איניציאטיוו און האט איבערגעארבעט א געוועזענע שולע געביידע און מערערע ליידיגע שטחים צו 42 אפארדעבל, קלימאט-פריינדליכע, מאדערנע דירות ווי אויך א קאמיוניטי צענטער וואס וועט סערווירן די דרינגנדיגע געגנטער פאר די קומענדיגע יארן. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און אונזערע פילע סטעיט און לאקאלע שותפים פאר'ן מאכן די היסטארישע פראיעקט א מציאות."

**ניו יארק סטעיט פארקס קאמישענער פרא טעמפארע רענדי סיימאנס האט געזאגט,** "אונז זענען שטאלץ צו מיטארבעטן מיט פראיעקטן אזוויי די אין באפעלא און לענגאויס ניו יארק סטעיט וואס העלפט פאראויסריקן די גאווערנער'ס אפארדעבל האוזינג איניציאטיוו. דורך הילפסמיטלען אזוויי די היסטארישע צוריקבוי שטייער קרעדיט פראגראם ווערן דעוועלאפמערס געמוטיגט צו אינוועסטירן אין אונזער היסטארישע סחורה און ברענגען אונזערע געגנט געביידעס צוריק אנליין דורך נייע און פרייליכע אופנים. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר'ן פריאריטיזירן סטאבילע, אפפארדעבל, און גלייכבארעכטיגטע האוזינגאון באדאנק די פילע פראיעקט מיטארבעטערס פאר'ן אנערקענען די ווערד פון אויסנוצן היסטארישע הילפסמיטלען אזוויי די."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. האריס האט געזאגט,** "NYSERDA's נייע בוי-ארבעט פראגראם שטיצט דאס פארבעסערן צוטריט צו ענערגיע שפארנדע, נידריגע קארבאן געביידעס וואס פארמערן שטאנדהאפטיגקייט און קענען איבערקומען די ווירקונגען פון אונזער טוישנדע קלימאט. די דירות ביי די לייסיום ציינן וויאזוי מערערע הילפסמיטלען פון די פאבליק און פריוואטע סעקטעס קענען זיך צוזאמקומען צו העלפן עמפינדליכע ניו יארקער בליען אין מאדערנע, געזונטע, אפארדעבל וואוינונגען וואס זענען נאנט צו קאמיוניטי סערוויסעס און געברויכן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישענער האופ נייט האט געזאגט,** "גאווערנער האקול נעמט זיך אן פאר די היסטארישע האוזינג קריזיס מיט פראיעקטן אזוויי די דירות ביי לייסיום. די ציל איז צו בויען 800,000 היימען אין די קומענדיגע צען יאר דורכ'ן מוטיגן נייע בוי-ארבעט און אראפשטעלן לאקאלע האוזינג צילן אין קאמיוניטיס וואס געפונען זיך אין עיסט באפעלא. מיר לאדענען איינוואוינער צו זייערע נייע דירות מיט די האפענונג אז זיי וועלן בליען בשעת זיי האבן הנאה פון וואוינען, ארבעטן, און הנאה האבן פון געזעלשאפט אין זייער נייע געגנט."

**אפיס פאר די אפהאלטונג פון דאמעסטישע גוואלדאטן עקזעקיוטיוו דירעקטאר קעלי אווינס האט געזאגט,** "אפארדעבל האוזינג איז די קריטישסטע געברויך פאר איבערלעבער פון דאמעסטישע און גענדער-באזירטע גוואלדאטן, און דאמעסטישע גוואלדאטן איז די גרעסטע גורם פון היימלאזיגקייט פאר פרויען. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר'ן דאס פארשטיין און אינוועסטירן אין די הילפסמיטלען צו העכערן די עווילעביטי פון זיכערע, סופארטיוו האוזינג אין עירי קאונטי פאר איבערלעבער אנצוהייבן זייער וועג זיך צו ערהוילן. OPDV איז שטאלץ אויפצוהייבן די קולות פון איבערלעבער און זיך אריינלייגן ס'זאל זיין א סיסטעם וואס איז געצענטערט ארום איבערלעבער, באקאנט מיט טראומע, און קענען זיך אויס אין קאלטורן אלס טייל פון זייער ארבעט אויף די עמפייער סטעיט סופארטיוו האוזינג איניציאטיוו."

**אסעמבלימעמבער מאניקע וועלעס האט געזאגט,** "פראיעקטן אזוויי די דירות ביי לייסיום געבן א קריטישע לעזונג פאר די וויניג האוזינג קריזיס. די פאסיליטי וועט זיין א פלאץ צו רופן א היים פאר צענדליגע פאמיליעס וואס פלאגן זיך צו טרעפן אפארדעבל האוזינג, אריינגערעכנט איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדאטן. אין צוגאב, ציינג די פראיעקטן ניו יארק'ס פירערשאפט קעגן א גרינערע און ריינערע סביבה דורכ'ן פארזיכערן אז די נייע פאסיליטי וועט ארבעטן אן פאסל פיולס. די פראיעקט איז א געווינס פאר באפעלא איינוואוינער און א געווינס פאר די סביבה. איך הייב ארויס גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אין אדרעסירן סיי די קלימאט און סיי די האוזינג פראבלעמען מיט די פראיעקט."

**עריא קאונטי עקזעקיוטיוו מארק ס. פאלאנקארז זאגט,** "אפארדעבל האוזינג איז א קריטישע געברויך לענגאויס עירי קאונטי און דאס נעמט שטארקע שותפים און פאראויסזעענדע פירערשאפט עס צו אדרעסירן. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פאקוס אויף די ענגע פראבלעם און פאר'ן אינוועסטירן אין ענערגיע שפארנדע אפארדעבל האוזינג דא. די אינוועסטמענטס טוישן די לעבן פון פאמיליעס און אינדיווידואלן וואס וועלן יעצט האבן פארזיכערטע, אפארדעבל היימען יעצט נאכצוגיין זייערע אייגענע אמעריקאנע חלומות. אין צוגאב, בלאזט די פראיעקט אריין א נייע לעבן אין א נישט גענוג באנוצטע געוועזענע שולע און גיבט אריין חיות אין די בראדוועי-פילמאר געגנט, בויענדיג א שטערקערע קאמיוניטי פאר אלע."

**באפעלא מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע פאר'ן שטיצן געדארפטע אפארדעבל האוזינג געלעגנהייטן אין די בראדוועי-פילמאר געגנט. די סט. דשאון קענטי לייסיום איז נאך א פראיעקט וואס צייגט אויף די שטאט'ס אנטשלאסנקייט אין געבן נאך קוואליטעט אפארדעבל האוזינג."

**פרעזידענט און CEO פון קאמיוניטי סערוויסעס פאר אלע מינדי סערוואוני האט געזאגט,** "מיר זענען מורא'דיג דאנקבאר פאר די געלטער אוועקגעלייגט פאר אפארדעבל און סופארטיוו האוזינג, וואס האט געלאזט קאמיוניטי סערוויסעס פאר אלע שאפן עירי קאונטי'ס ערשטע אייביגע סופארטיוו האוזינג פראגראם פון די סארט ביי די דירות ביי די לייסיום. די איניציאטיוו ערלויבט אונז צו העלפן אינדיווידואלן מיט פאקטארן וואס גיבן צו צו זייער האוזינג אומסטאביליטעט. אנטוויקלען אפארדעבל האוזינג אין עמפינדליכע קאמיוניטיס בלייבט א פריאריטעט פאר קאמיוניטי סערוויסעס, און מיר זענען דאנקבאר צו אונזערע שותפים פאר'ן העלפן די פראיעקט ווערן א מציאות."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן